# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

תמצית הגליון:

הויפט מאמר

מוסר השכל

צידה לדרך

מעשה רב

וַיְהִי מִקֵּץ "שְׁנָתַיִם יָמִים"...

בעזהשי"ת ▪ מקץ תשפ"א ▪ גליון קד'


# איך האב בטחון, אבער ווי לאנג קען איך ווארטן?!

## דארף איך נאך עפעס פרובירן?

### א טיפערע דערהער אין די מעשה פון יוסף מיט די שר המשקים!!

**בטחון** איז איינע פון די שטערקסטע יסודת ביי אידן, אן קיין בטחון איז כמעט אוממעגליך אז א מענטש זאל קענען האבן א משמעות אינעם טאג-טעגליכן לעבן. פארט אבער, געפונען מיר פארשידענע מדריגות אין דעם ענין בנוגע ווי לאנג א מענטש קען זיך האלטן און מחזק זיין בלויז מיטן מדת הבטחון.

**נאכן ווארטן א שטיק צייט און נישט פארשטיין פארוואס און פארווען די זאך רוקט זיך נישט, קומט ארויף די שאלה: ווי לאנג נאך...? אפשר דארף איך טוהן נאך השתדלות??**

ווען מיר זאלן פרעגן אן עלטערע בחור נאכן ווערן א חתן, "וואס איז געווען די שווערסטע זאך בשעת דו האסט געווארט אויף דיין באשערטע?" וועט איר הערן די ענטפער, **"נישט וויסן וויאלאנג דאס גייט נעמען!** און טראכטנדיג צו זיך כסדר **"וואס נאך קען איך טוהן?"**

ווען מיר זאלן פרעגן א יונגערמאן וואס האט געווארט יארן לאנג פאר קינדער, "וואס איז געווען די שווערסטע זאך בשעת דו האסט געווארט אויף דיין ישועה?", וועט איר הערן די ענטפער: **"נישט וויסן וויאלאנג דאס גייט נעמען!** און טראכטנדיג צו זיך כסדר **"וואס נאך קען איך טוהן?"** איך וויל דאך אזוי שטארק זוכה זיין צו קינדער..."

אין די וואכעדיגע פרשה, (בהמשך מיט די פריערדיגע,) געפונען מיר אן ענדליכע עפיזאד: די מעשה פון יוסף מיט די שר המשקים. ווען מיר וועלן גוט אפלערנען די מעשה מיט איר פרטים, וועלן מיר איינזעהן דעם **"סוף מעשה במחשבה תחילה"**, ואולי דורכדעם וועלן מיר זיך קענען אביסל מחזק זיין מיטן **"מעשה אבות סימן לבנים"**...

### לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פאר די וואך...

**וַיְהִי מִקֵּץ "שְׁנָתַיִם יָמִים" וּפַרְעֹה חֹלֵם וְהִנֵּה עֹמֵד עַל הַיְאֹר**

(מקץ מא, א)

**וַיְהִי מִקֵּץ.** זאגט די מדרש: "**קֵץ שָׂם לַחֹשֶׁךְ**", דער אייבערשטער האט באשטימט א זמן צו די טונקלקייט. **זמן נתן ליוסף כמה שנים יעשה באפילה בבית האסורים, כיון שהגיע הקץ- חלם פרעה חלום.**

"**קֵץ שָׂם לַחֹשֶׁךְ**", אינעם הייליגן טאג פון ראש השנה שנת ב' אלפים רכ"ט[א] (2,229), נאך צוועלף יאר וואס יוסף האט געשמאכטעט אין די פינסטערע תפיסה, איז ענדליך אנגעקומען די צייט פון ליכטיגקייט און א סוף צו זיינע צרות, יוסף איז באפרייט געווארן און מען האט אים געקרוינט אלץ משנה למלך פון מצריים[ב]. (ר"ה יא.)

[א] לפי המסורה שנולד יוסף בכ"ז תמוז בשנת ב' קצ"ט 2,199 כתבנו חשבון זה. (עי' רבינו בחיי שמות א,ו)

**ובדרך אגב:** כדי לדעת שהכל היה בר"ה הן החלום של השרים מלפני שנתיים, והן החלום של פרעה, כל זמן פקידה שהיה אז היה בר"ה.

(ועי' בדברי אוחה"ק ריש פרשת מקץ סו"ד: וטעם שתי שנים, בשביל שאמר "זכרתני והזכרתני", כנגד כל זכירה מנע ה' זכרונו בראש השנה, שהוא זמן הזכרון.)

[ב] ועי' במעם לועז מקץ ואע"פ שכתבנו שהאבות והשבטים קיימו התורה עד שלא נתנה, אם כן איך הסתפר יוסף בראש השנה? אלא שחייב אדם לחלק כבוד למלך, ומי שפוגע בכבודו חייב מיתה. ע"כ פיקוח נפש הוא.

13 יאר האט דער צדיק נעבעך געליטן יסורים. ער איז אוועקגעריסן געווארן ביי די 17 יאר און פארקויפט געווארן פיר מאל, איינע נאך די אנדערע. און ווען ער האט שוין יא דערגרייכט עפעס רואיגקייט ביי דעם שר פוטיפר, האט דאס אויך נישט אנגעהאלטן מער פון איין יאר ביז ער איז עודך אריינגעשליידערט געווארן אין תפיסה.

גאנצע צוועלף יאר איז דער צדיק דארט געזעצן, פון די 18 ביז די 30, ביז ער איז אויפגעראכטן געווארן און געברענגט געווארן פאר פרעה. (עי' דברי האלשיך הק' ריש פרשת מקץ)

**וַיְהִי מִקֵּץ... עס איז אנגעקומען די ענדע. דער ענדע פונעם לאנגן טונקלקייט.**

לפי"ז, וואלט די תורה ענדערש געדארפט אנהייבן מיט די ווערטער וַיְהִי מִקֵּץ "**שנים עשר שנים**" וּפַרְעֹה חֹלֵם... (פון ווען יוסף איז אריין אין תפיסה) **אדער** וַיְהִי מִקֵּץ "**שלש עשר שנים**"... (פון ווען יוסף איז אוועק פון זיין טאטע'ס הויז). **וואס מיינט** וַיְהִי מִקֵּץ "**שְׁנָתַיִם יָמִים**"?? וועלכע צוויי יאר האט זיך יעצט געענדיגט?

זאגט די אבן עזרא: **ויתכן להיות שזה החשבון ליציאת שר המשקים מבית הסהר.** מען רעדט דא פון די צוויי יאר וואס זענען פארמערט געווארן פאר יוסף, מער פון די ארגינעלע סכום וואס יוסף האט געדארפט זיין אין תפיסה. (וכן פי' שאר המפורשים)

דהיינו, באמת וואלט יוסף געדארפט זיצן אין תפיסה נאר 10 יאר צוליב די לשה"ר וואס ער האט גערעדט אויף זיינע 10 ברודער. אבער וויבאלד ער האט געזאגט פארן שר המשקים "**זכרתני והזכרתני**" (מ, יד), נתוסף לו שתי שנים. (בראשית רבה פט, ב)

"**וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים**" מיינט מען פון ווען דער שר המשקים האט זיך גע'חלומ'ט, איז אנגעקומען די ענדע.

לכאורה דארף מען פארשטיין: לייענענדיג די סדר הפרשיות, וואלט זיך אסאך מער געפאסט די ווערטער וַיְהִי מִקֵּץ "**שלש עשר שנים**"... פארוואס האט די תורה מער מחשיב געווען די חשבון פון די צוויי יאר פון די חלום פון די שר המשקים מער ווי די חשבון פון ווען יוסף איז אריין אין תפיסה?

זאגט דער אלשיך הק':

## וַיְהִי מִקֵּץ "שְׁנָתַיִם יָמִים" איז א לימוד אין מדת הבטחון.

דער פסוק קומט אונז דא לערנען א געוואלדיגע מוסר השכל, **להסיר תועה מלב כל איש ישראל**, ווען א מענטש געפונט זיך אין אן עת צרה, זאל ער זיך נישט איינרעדן אז זיינע מעשים און זיינע פעולות וועלן ברענגען די ישועה שנעלער. ניין, עס איז דא א זמן וואס איז באשטימט געווארן פון אויבן און קיין שום גשמיות'דיגע פעולה קען נישט פארקורצערן די זמן.

א מענטש זאל נישט זיצן און קלערן וועלכע גשמיות'דיגע פעולה ער קען יעצט טוהן זיך ארויסצוזעהן פון זיין מצב. א מענטש זאל נישט זיצן און קלערן וועלכע חבר קען אים יעצט קומען צו הילף אז זיין ישועה זאל אנקומען נענטער. און ניין, מען זאל נישט ברענגען א ראיה פון יוסף הצדיק און זאגן...

זעהסט דאך אז יוסף הצדיק, ווען נישט אז ער זאך בעטן דעם גרויסן שר המשקים אז ער זאל אים דערמאנענען פאר פרעה, וואלט ער קיינמאל נישט ארויס פון תפיסה. ווען נישט אז יוסף הצדיק זאל אויסנוצן פראטעקציע און זיך איינגעבעטן ביי איינעם וואס האט נאנטע באציאונגען מיטן קעניג, וואלט ער אפגעזעצן דארט אלע זיינע יארן.

דערפאר, קומט די תורה (סוף פרשת וישב און אנהייב פרשת מקץ) אונז אויסלערנען: "נישט אונזער גוטע פריינד, פאלעטישענ"ס אדער פעולות וועלן צואיילן די ישועה, **רק ה' לבדו לכל הבוטחים בו**," נאר דער באשעפער איז דער וואס איז "**קֵץ שָׂם לַחֹשֶׁךְ**", **און קיינער קען דאס נישט צו-יאגן.**

די תורה שרייבט אין סוף פרשת וישב: **וְלֹא זָכַר שַׂר הַמַּשְׁקִים אֶת יוֹסֵף וַיִּשְׁכָּחֵהוּ.** נישט דער גוטן חבר האט עפעס אויפגעטוהן, נאר אדרבא, פונקט פארקערט! וויפיל די שר המשקים האט פרובירט צו טראכטן פון יוסף, איז געקומען א מלאך און אים געמאכט פארגעסן. וויפיל סימנים ער האט זיך נאר פרובירט מאכן, קושר קשרים, ומלאך בא ומתיר (בר"ר מ' כג). פארוואס? להורות לנו דעם באקאנטן פזמון: **אַל תִּבְטְחוּ בִנְדִיבִים בְּבֶן אָדָם שֶׁאֵין לוֹ תְשׁוּעָה...**

און יעצט קומט די תורה אין אנהייב פרשת מקץ: "**וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים**", אונז מעורר צו זיין: ר' איד, מאכט נישט דעם זעלבן טעות, מיין נישט אז דיינע פעולות וועלן מקרב זיין דעם זמן אדער גייט עפעס אויפטוהן. נאר אדרבה, דיינע פעולות וועלן נאר קאליע מאכן און אפשטופן דער זמן! קוקט וואס האט פאסירט צו יוסף: **על ידי שאמר** (יוסף) **לשר המשקים "זכרתני והזכרתני" נתוסף לו שתי שנים** (בראשית רבה פט, ג.). אויף יעדע ווארט פון "דערמאנונג", האט ער באצאלט א גאנצע יאר!

"**וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים**", זאגט דער אוחה"ק: "**ויהי**" איז א לשון פון צער, מרמז צו זיין דער צער פון יוסף אז ער האט ליידער געדארפט בלייבן נאך צוויי יאר בנוסף צו זיין זמן פקידה ווען ער וואלט באמת געדארפט ארויסגיין. **כי אז היה לו לצאת...** (עיי"ש)

"ר' איד, דיין צרה זעהט אויס ענדלאז? דאווען און בעט ביים אייבערשטען, אבער... פארליר נישט דיין בטחון, ווער נישט פארלוירן כאילו דער אייבערשטער קען דיר נישט העלפן און דו אליין מוזט זעהן וואס אדער ווער נאך וועט דיר קענען ארויסהעלפן. ניין, קיינער קען דיר נישט העלפן, וויל "**קֵץ שָׂם לַחֹשֶׁךְ**", דער אייבערשטער האט באשטומט א זמן ווי לאנג די טונקלקייט זאל נעמען און ווען די זמן

> ר' איד, דיין צרה ציהט זיך? דאווען און בעט ביים אייבערשטען, אבער... פארליר נישט דיין בטחון, ווער נישט פארלוירן כאילו דער אייבערשטער קען דיר נישט העלפן און דו אליין מוזט זעהן וואס אדער ווער נאך קען דיר ארויסהעלפן...

וועט אנקומען, וועסטו געהאלפן ווערן אן קיינעם'ס הילף!"

פרשת מקץ הייבט זיך אן מיט די ווערטער **וַיְהִי מִקֵּץ "שְׁנָתַיִם יָמִים"** צו ווייזן אז א לימוד אין מדת הבטחון איז פיל וויכטיגער ווי צו לאזן הערן דעם סדר ומנין השנים.

## וואס זאל איך טראכטן ווען עס נעמט צו לאנג?

**משל למה הדבר דומה:** א איד קלינגט צו איינע פון די ארגענעזאציעס: הצלה, חברים וכדו' און זאגט, "איך שטיי דא און דא און איך דארף דרינגענד הילף." דער דיספעטשע"ר געבט ארויס די קא"ל, איינע פון די מעמבערס רופן זיך אן און לאזט זיך ארויס מיט א שנעלקייט צו די פלאץ פון דעם באטראפענעם.

עס גייט אדורך אפאר מינוט אבער אין קול ואין עונה. דער איד שטייט און ווארט אומגעדולדיג און קלינגט נאכאמאל, "וואס גייט פאר?! איך ווארט שוין איבער צען מינוט און קיינער קומט נישט אן!" זאגט אים דער דיספעטשע"ר אויפן טעלאפאן: "ר' איד האלט אייך רואיג, אייער רוף איז שוין לאנג אויסגעהערט געווארן, א מעמבער איז אויפן וועג, ער איז פשוט אביסל ווייט פון אייך און עס וועט נעמען אביסל צייט ביז ער וועט אנקומען!"

ר' איד, איר זאלט וויסן אז יעדע מאל וואס איר דאווענט, יעדע מאל וואס איר בעט, ווערט אייער רוף גלייך אויסגעהערט! און... אייער "ישועה" איז אויפן וועג! עס נעמט פשוט צייט ביז עס וועט קענען אנקומען! מיר וייסן נאר נישט ווען... (אלעס האט דאך א חשבון).

**ניין, טראכט נישט אז מען האט פארגעסן פון דיר!**

**נאר מען זאל ענדערש לערנען און איינ'חזר'ן די מדרש אין סוף פרשת וישב...**

**ד"א שר המשקים שכחך ואני לא אשכחך,**

דער שר המשקים האט פארגעסן אבער איך פארגעס נישט!

זאגט דער מדרש: דער אייבערשטער זאגט:

מי היה מחכה **לאברהם ושרה**- שהיו זקנים שיולד להם בן?

מי מחכה **ליעקב** שעבר במקלו הירדן- שיפרץ ויעשיר?

מי היה מחכה **ליוסף** שעברו עליו כל הצרות האלו- שיהיה מלך?

מי היה מחכה **למשה** שהושלך ליאור- שיהיה כמו שנהיה?

מי מחכה **לרות** שהיתה גרה- שחזרה למלכות ישראל?

מי מחכה **לדוד**- שיהיה מלך עד סוף הדורות?

מי מחכה **ליהויכין**- שיצא מבית האסורים?

מי מחכה **לחנניה מישאל ועזריה**- שיצאו מתוך האש?

מי מחכה **לישראל** בימי המן- שיצילם הקב"ה?

מי מחכה **לגליות**- שיהיו לשם ולתהלה?

מי מחכה **לסוכת דוד הנופלת**- שיקימנה?

**הקב"ה!** שנאמר (עמוס ט) ביום ההוא אקים את סוכת דוד שיהיו כל העולם אגודה אחת שנאמר (צפניה ג) כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרוא כלם בשם ה' ולעבדו שכם אחד.

**א בשר ודם, ווי לענגער עס נעמט, אלץ מער קען מען חושש זיין אז ער האט פארגעסן. משא"כ, דער אייבערשטער אליין איז "אין שכחה לפני כסא כבודך". און אדרבא, ער שטייט און ווארט "ווען וועל איך שוין קענען ברענגען די ישועה!"**

"**קֵץ שָׂם לַחֹשֶׁךְ**": דער אייבערשטער האט באשטומט א זמן ווען עס וועט קומען א סוף צו די טונקלקייט, אפגעזעהן פון די השתדלות. מען ווארט נאר אויף אונזער בטחון ווייל...

## בטחון אליין איז דאס וואס איילט צו דער ישועה!

**וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים וּפַרְעֹה חֹלֵם.** זאגט דער אוהח"ק: עוד אפשר שיכוון לומר, כי "**שנתים ימים ופרעה חלם בתמידות חלום זה**", צוויי יאר אין א צי האט פרעה זיך גע'חלומ'ט די חלומות, **אלא שלא יודע שחלם. ולסוף שנתים**, הערשט נאך צוויי יאר, דעמאלטס **חלם ולא שכח**.

פרעגט דער צדיק ר' פנחס'ל קוריצער: אויב דער ישועה איז הערשט געקומען נאך צוויי יאר, פארוואס האט אויסגעפעלט אז פרעה זאל חלומ'ען פאר גאנצע צוויי יאר?

**זאגט דער צדיק ויש לבאר הטעם ע"פ מעשה מהבעש"ט...** דער הייליגע בעש"ט איז אמאל געפארן אין וועג צוזאמען מיט זיין תלמיד דער מגיד ר' מענדל מבאר ז"ל. אינמיטן וועג, איז ר' מענדל געווארן זייער דארשטיג אבער קיין וואסער איז נישט געווען צו געפונען. זאגט אים זיין רבי, דער בעש"ט, "מענדל, אויב וועסטו האבן אמת'ע בטחון אינעם אייבערשטען, וועט ער דיר מזמין זיין וואסער". וכן עשה, ר' מענדל האט זיך שטארק מחזק געווען אינעם ענין פון בטחון און... פלוצלינג איז אנטקעגן געקומען א גוי און זיי געפרעגט אינגאנצן פארלוירן, "זאגט נאר, איר האט אפשר געזעהן מיינע פערד? עס איז מיר פארלוירן געווארן מיינע פערד און איך זוך זיי שוין פאר דריי טעג."

ר' מענדל האט גלייך פארשטאנען וואס דא איז געשעהן און אים געפרעגט, "זאגט נאר, איר האט אפשר וואסער צו טרינקען?" דער גוי האט ארויסגענומען א פלאש וואסער און אים געגעבן צו טרינקען.

ר' מענדל דרייט זיך אויס צו זיין רבי'ן און פרעגט, "רבי, איך וויל פארשטיין. אויב דער גוי איז נאר געבליבן שטעקן דא צוליב מיר, כדי מיר צו געבן וואסער, פארוואס האט ער געדארפט זיין פארלוירן פאר דריי טעג? איין טאג איז נישט גענוג?"

האט דער הייליגע בעש"ט געענטפערט, "דער אייבערשטער האט אים שוין אנגעגרייט פאר דיר פון פריער, דער רגע וואס דו וועסט האבן אמת'ע בטחון אינעם אייבערשטען, זאלסטו גלייך האבן וואס דו דארפסט!"

**זאגט דער רבי ר' פנחס'ל: איר זעהט ווי ווייט איז דער כח פון בטחון! דער אייבערשטער איז מזמין דער מענטש'ס געברויכן נאך איידער ער איז זיך בוטח, כדי עס זאל שטיין גרייט פאר אים אין די רגע וואס ער וועט האבן דער אמת'ע בטחון!**

זאגט ר' פנחס'ל ווייטער: מיט די מעשה, קענען מיר גוט פארשטיין וואס האט פאסירט מיט יוסף. דער אייבערשטער האט געווארט אויף די אמת'ע בטחון פון יוסף. וואלט ער זיך בוטח געווען נאר אינעם אייבערשטער נאך די 10 יאר, וואלט ער גלייך געקענט ארויסגיין. אבער וויבאלד זיין בטחון איז אביסל נפגם געווארן, ער האט זיך

געוואלט פארלאזן אויפן שר המשקים, איז ער נענש געווארן. ביז וועןֿ? ביז ער האט זיך נאכאמאל פארלאזט נאר אויפן אייבערשטער אליין.

זאגט ר' פנחס'ל: לכך הזמין לו השי"ת החלום לפרעה כל לילה במשך ב' שנים, צו וייזן אז די גאולה איז שוין געווען גרייט, מען האט נאר געווארט אויף זיין בטחון. און ווי נאר זיין בטחון איז געווארן גענוג פעסט, איז ער ארויס. (אמרי פנחס השלם)

**וכך הוי:** זאגט דער כתב סופר (ריש פרשת מקץ או יאמר סו"ד): **והנה יוסף** פנה אל שר המשקים, אבער ואחר שראה ששכח אותו ולא הזכירו לא פנה עוד לסיוע שום אדם, כי מיד ראה והבין כי שוא תשועת אדם, ושם בטחונו בה'. דערפאר איז ער טאקע ארויס נאך צוויי יאר... ועליו נאמר **בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה' וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ.** (ירמיהו יז, ז)

אבער אנדערש זענען די מענטשן וואס אפי' זיי זעהן קלאר, איינמאל און נאכאמאל, אז קיין שום מענטש קען זיי נישט העלפן, אעפ"כ **אינם פונים לה'**, עס איז זיי שווער אפצולאזן דעם טבע און זיך פונה זיין צום אייבערשטען אליין, **מחסרון אמונה בהשגחת ה'**. פאר זיי ליידער זאגט מען דעם פריערדיגן פסוק אָרוּר הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם וְשָׂם בָּשָׂר זְרֹעוֹ וּמִן ה' יָסוּר לִבּוֹ. (שם יז, ה) עיי"ש דבריו הק'.

אמת, עס איז זייער שווער ווען מען ווייסט נישט "**ווילאנג דאס וועט נעמען**" און מען וויל אנהייבן טוהן, אבער מען דארף זיך אפשטעלן א מינוט און טראכטן, "וואס וויל איך יעצט? מקרב זיין אדער מרחק זיין די ישועה?!" ווען מען פארלאזט זיך אויף א בשר ודם, איז מען מרחק די ישועה. אבער ווען מען איז זיך מחזק אינעם מדת הבטחון, איז מען מקרב די ישועה. נו, וועלכע לוינט זיך ענדערש?

נ.ב. **עס איז כדי אויסצושמועסן:** מיר זאגן נישט אז יעדע מאל וואס א מענטש ווארט זייער לאנג אויף א ישועה, האט ער דאס חלילה אליין גורם געווען אויף זיך. (עס קען זיין כל מיני סיבות וטעמים פארוואס א זמן הפקידה איז נאך נישט אנגעקומען). מיר זאגן נאר אז דער ריכטיגע מהלך פון באהאנדלן א נסיון איז אינגאנצן אנדערש פון וואס מיר זענען צוגעוואוינט. ווען א מענטש ווייסט נישט די ריכטיגע אופן פון דערנענטערן א ישועה, קען חלילה ארויסקומען א מכשל וואס קען חלילה דערווייטערן די ישועה.

פון וואו ווייסט מען וואס איז ריכטיגע השתדלות און וואס איז א חסרון אין בטחון?

## עפעס השתדלות דארף מען דאך מאכן!!

לכאורה דארף מען פארשטיין: א מענטש דארף מאכן עפעס השתדלות, ואין סומכין על הנס. פארוואס הייסט בעטן פונעם שר המשקים א חסרון אין בטחון? יוסף האט דאך יעצט אזא גאלדענע געלעגנהייט. איינער גייט יעצט ארויס פון תפיסה, בפרט א שר פונעם מלך, פארוואס זאל ער נישט זאגן אזא קלייניקייט ווי "דערמאן מיר פארן מלך, זעה עפעס צו טוהן פאר מיר"?!

הערט די קלארע ווערטער פון דעם הייליגן 'חזון איש' אין זיין ספר אמונה ובטחון (פרק ב' אות ו'): **ולפעמים הבטחון מתנגד להשתדלות, ואוסר אמצעים מיוחדים...** א מענטש איז מחויב דן צו זיין יעדע פעולה פארן טוהן, אויב דאס שטימט מיטן מדת הבטחון אדער נישט. זאגט דער חזו"א ווייטער: וחז"ל אמרו (במד"ר מקץ), די השתדלות פון יוסף הצדיק צו בעטן פון די שר המשקים "והזכרתני" איז געווען א זילזול אין מדת הבטחון.

פארוואס? ווייבאלד די תכונת הנפש פון רהבים איז נישט צו געדענקן מענטשן צום גוטן ווייל זיי האבן נישט ליב צו טוהן טובות. דערפאר, קומט אויס אז די קליינע פעולה פון יוסף האט באמת נישט געשטימט מיט די חיוב פון השתדלות, נאר פארקערט, עס האט געווארפן אביסל שטויב אויף די מדת הבטחון. און ווייבאלד ער האט דאס נאר געטוהן צוליב יאוש, איז עס שוין נישט געווען קיין חיוב, נאר אדרבה, אן איסור.

פירט אויס די חזו"א מיטן מדרש: אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר שָׂם ה' מִבְטַחוֹ, **זה יוסף**, וְלֹא פָנָה אֶל רְהָבִים, **על ידי שאמר לשר המשקים זכרתני והזכרתני נתוסף לו שתי שנים.** (בראשית רבה פט, ג)

און ער איז מסביר ווייטער: אודאי האט יוסף געהאט בטחון, ווי דער מדרש זאגט אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר שָׂם ה' מִבְטַחוֹ, **זה יוסף**, ער האט זיך פארלאזט נאר אויפן אייבערשטען אליין, קיינמאל האט ער נישט געקלערט אז די פעולה וועט אים העלפן, נאר די כוונה פון די חכמים מיטן טייטשן די פסוק **וְלֹא פָנָה אֶל רְהָבִים,** גייט ארויף אויף די "פעולה" פון יוסף, די פעולה פון בעטן דעם שר אלץ זיין השתדלות, דאס האבן חז"ל געהאלטן איז נישט קיין דין אמת...

[וכך שמעתי בשם החזו"א: ווען איינער האט איהם געפרעגט אויף הלכה למעשה וועגן א געשעפט, **וואס הייסט השתדלות און וואס הייסט א חסרון אין בטחון?** האט ער געענטפערט, "לייגן א שילד אויף א געשעפט אז מען פארקויפט דא שיך איז השתדלות ודרך העולם הוא, אבער לייגן א שילד אנהייב גאס אז דא, ביי די גאס, פארקויפט מען שיך, איז שוין א חסרון אין בטחון. ווייל דאס איז שוין איבריגע השתדלות וואס א מענטש טוט נאר צוליב יאוש.]

## ווי עס שטעלט זיך ארויס,
### איז טאקע דער ביסל השתדלות
### אויך נישט געווען קיין גוטע השתדלות.

די שר המשקים האט קיינמאל נישט געוואלט העלפן יוסף... און אפי' ווען ער האט איהם שוין יא דערמאנט, איז דאס נישט געווען צוליב יוסף'ס טובה, נאר צוליב זיין אייגענע טובה. ווי דער מדרש זאגט (בר"ר פ"ט, ז): ווייבאלד דער שר המשקים האט געזעהן אז פרעה האלט שוין ביים שטארבן, האט ער געטראכט צו זיך, "אויב פרעה וועט שטארבן, וועט דאך א צווייטער ווערן קעניג און ווער זאגט אז יענע קעניג וועט מיר אויך וועלן האלטן אויף מיין אמט? בעסער זאל איך שנעל גיין צו פרעה און זאגן וועגן דעם יוסף, אזוי וועט פרעה בלייבן לעבן און איך וועל בלייבן אויף מיין אמט..."

זאגט די מדרש ווייטער: דער שר המשקים האט זיכער געמאכט אז ווען ער דערמאנט יוסף, זאל יוסף נישט האבן קיין שום טובה פון דעם, נאר זיך אליינס. ער האט אים גלייך מבזה געווען מיטן זאגן "נער", "עברי" און "עבד" אז פרעה זאל נישט האבן קיין שום קלער פון איהם גרויס מאכן... אמר ר' שמואל ב"ר נחמן: ארורים הם רשעים שאין עושים טובה שלימה.

**דאס זאגן אונז חז"ל:** ולא פנה אל רהבים, פון די סארט מענטשן קען מען קיין שום טובה האבן! אויב מען בעט א טובה פון זיי, הייסט נישט קיין השתדלות, נאר גאר פארקערט, א חסרון אין בטחון!

**ווען די ריכטיגע זמן הישועה דארף קומען, וועט עס קומען גרינג און שנעל, אן קיין הילף פון קיינעם. ווי נאר יוסף'ס זמן הצלה איז אנגעקומען, זאגט דער פסוק: "וַיְרִיצֻהוּ מִן־הַבּוֹר", נאך אינעם זעלבן טאג איז יוסף ארויס פון די בור און געווארן משנה למלך...**

### בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה'... אָרוּר הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם...

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז אט די פסוק האט מתתיהו כהן גדול געשריגן צו די חשמונים בעת ווען דער גרויסע גענעראל "בגריס" הרשע (דער גענעראל נאך ניקנור הרשע) איז אנגעקומען קיין ירושלים צום צווייטן מאל מיט א מעכטיגע מילטער פון אכט הונדערט טויזנט מיליטערלייט צוזאמגענומען פון פיל לענדער. די אידן האבן זיך זייער דערשראקן און געזאגט, "ווי קען מען גיין אנטקעגן אזא גרויסע און שטארקע מיליטער?!", האבן די אידן געקוקט צום מזרח זייט פון ירושלים, אפשר וועלן די פרסיים זיי קומען העלפן.

מתתיהו האט דאס זייער פארדראסן און אויסגעשריגן צו די חשמונאים, "צו קענט איר די פסוקים פון ירמיהו: **אָרוּר הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם וְשָׂם בָּשָׂר זְרֹעוֹ וּמִן ה' יָסוּר לִבּוֹ... בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה' וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ??**"

"מיר דארפן נישט קיין הילף פון קיינעם! פון וואס האט איר מורא? מיר אלע, איך מיט מיינע 7 קינדער, דו מיט דיינע 3 קינדער זענען צוזאמען 12 אנטקעגן די הייליגע 12 שבטים. איך בין זיכער אז אונז אליין, מיטן הילף פון הקב"ה, וועט קענען יעדעם באזיגן. מיר דארפן זיך נאר בוטח זיין אין אים!!"

(עי' ילקוט מעם לועז פרשת בעלותך פרק ח' פסוק ב')

**לכבוד דער מערכת פונעם הערליכן גליון "א פסוק חומש",**

די גליון פון פאריגע וואך איז געווען מלא תוכן וחיזוק. עס האט אזוי שיין ארויסגעברענגט דער ענין פון די טייערקייט פונעם נפש, וואו איר האט מסביר געווען אז טאקע דערפאר העלפט תשובה.

אויב מעג מען צולייגן דעראויף, וואלט איך געוואלט ארויסברענגען מיטן זעלבן ענין אויך די אנדערע זייט פונעם מטבע, דהיינו לפי אייער יסוד איז דאס געווען א שטארקע חיזוק אבער פארט נישט קיין מחייב.

לפענ"ד וכמו ששמעתי מפי ספרים וסופרים, קען דער זעלבע ענין געזאגט ווערן אויפן צד החיוב. דהיינו, וויבאלד דער נפש האדם איז אזוי טייער פארן אייבערשטען, דערפאר זענען מיר אנגעזאגט געווארן דאס אכטונג צו געבן פון יעדע סארט זאך וואס קען דאס מזיק זיין.

די המון עם איז צוגעוואוינט צו קוקן אויף יעדע זאך וואס מען טאר נישט טוהן, ווי כאילו כביכול וויל נישט אדער לאזט אונז נישט הנאה האבן פון דער וועלט און הלואי ווען מיר וואלטן יא געמעגט.

דער אמת איז אבער פונקט פארקערט. אדרבה, וויבאלד מיר זענען אזוי טייער, דאס גופא מאכט אז מיר זאלן דארפן עקסטער שטארק אכטונג געבן.

**משל למהד"ד:** איינער וואס האט געקויפט א טייערע זייגער און דער געשעפטסמאן זאגט אים אן, "גיין נישט מיט דעם אין די רעגן. וואש נישט מיט דעם קיין געשיר, וכדו" דער מענטש וואלט אודאי נישט געפרעגט, "וואס שטערט דיר אז איך האב הנאה פון דעם אויף אלע אופנים און איך גיי מיט דעם שטענדיג?!" פארוואס? ווייל דער מענטש ווייסט אז אזוי קען דער זייגער קאליע ווערן און זיך נישט האלטן פאר א לענגערע צייט.

יא! א ביליגע זייגער גייט קיינעם נישט אן און מען קען גיין מיט דעם וויפיל מען וויל און ווען עס ווערט קאליע, וועט מען דאס אוועקווארפן אבער דאס טייערע זייגער איז צופיל ווערד אז עס זאל ווערן פארהויכט אדער שטומפיג פון קלייניקייטן.

ישר כח: מאת נ.מ. קרית יואל.

# מוסר השכל:

### בשעה טובה ומצלחת:

איינע פון די עיקרי היסודות איז וויסן און גלייבן אז אלעס האט א חשבון און אלעס האט א זמן. ווארטן אויף די ריכטיגע מינוט איז א חלק פון אונזער אמונה, מיר גלייבן אז "**כל עכבה לטובה**: פאר דיין טובה איז נישט גוט אז מען זאל דאס מקדים זיין." דער בורא ומנהיג לכל הברואים ווייסט ווען עס איז גוט און ווען עס דארף זיין.

און דאס מיינט א איד: קענען ווארטן און אויסווארטן פאר דער ישועה פרטית און דער ישועה כללית, **אחכה לו בכל יום שיבא.**

יעצט בשעת מיר שטייען נאך די ימי החנוכה, ווען מיר האבן געזאגט און געחזר'ט אין הלל פאר אכט טעג נאכאנאנד, "**טוב לחסות בה' מבטח באדם טוב לחסות בה' מבטח בנדיבים** (תהלים קיח ח), דארפן מיר אריינטראכטן, "וויפיל מאל טוען מיר פעולות אדער פארשידענע השתדלות בלויז פון פארלוירנקייט!"

מען ווארט אויף א ישועה און עס קומט נישט אן. אנשטאט עוסק זיין ברוחניות, דאווענען, בעטן, לערנען און חזר'ן די מדת הבטחון, טוען מיר עוסק זיין בעניני גשמיות, טראכטנדיג וואס נאך מיר קענען טוהן?

**געדענקט דעם כלל:**

בטחון ברענגט נענטער די ישועה! פעולות בגשמיות (געטוהן פון פארלוירנקייט) שטופט ווייטער די ישועה!

דער אייבערשטער זאגט אונז, "פארלאז זיך אויף מיר, איך פיר די וועלט מיט אלע אירע פרטים און איך האב אינזין אלע מענטשן. יעדער גייט אריבער פאר מיר מיט אין אויגן-בליק און איך שטעל אויס פונקטליך ווי אזוי און ווען אלעס זאל געשעהן."

**"דו זעהסט נאך נישט דיין ישועה? דאס מיינט נישט אז מען האט פארגעסן פון דיר! האלט זיך שטארק אן אין דיין בטחון, פארלאז זיך אז איינער נעמט קעי"ר פון דיר און עס איז דא א חשבון פאר אלעס."**

א צדיק האט אמאל געזאגט פאר זיין חסיד, "בטחון מיינט נישט אז דו גייסט זיכער באקומען דאס וואס דו ווילסט. בטחון מאכט דיר אסאך מער רואיגער ווען דו ווייסט אז דו פארלאזט זיך אויף איינעם וואס האט א פונקטליכן סדר און חשבון פאר דיר, ווען און וואס דו דארפסט האבן. דו האסט נישט וואס צו זיין באזארגט, זאלסט זיצן רואיג און זיין א בוטח בה'. שטער נישט מיט דיין איבערגעטריבענע פעולות, מען דארף נישט דיין הילף, דו וועסט נאר קאליע מאכן און נישט בעסער מאכן. די איינציגסטע פעולה וואס דו קענסט טוהן איז מתפלל זיין. און כל זמן וואס די ישועה איז נאכנישט דא, זאלסטו זיך מחזק זיין און שטארקן אין דיין מדת הבטחון און מתפלל זיין נאך און נאך..."

**קַוֵּה אֶל ה' חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'.**

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך, קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך: torah10952@gmail.com